צי בירך שאַפּיר, דער זינגער פון חובבי ציונים. מיר דאַכט זיך אפילו, אַז דאָס פּשוטע לידל:

קום, קום, ישראליקל אַהיים
אין דיין אייגן לאַנד אַריין

איז געווען הונדערט מאָל פּאָפּולערער, ווי אַ וועלכער ט׳איז יידיש־גאַליציש פּאָעט; עס האָט געהאַט טויזנטער הערער און פאַרערער — אין אַ צייט, ווען די בעסטע ווערק פון דער יידיש־גאַליצישער ליטעראַטור האָבן געזוכט אַ לייענער מיט ליכט...

די פּאָעטן, וואָס זענען אויפגעטראָטן אין דעם פינפיאָר 1914—1909 (דאָס איז געווען אַן אמתער פינפיאָר־פּלאַן פונעם יידישן קינסטלערישן וואָרט אין גאַליציע...), האָבן זיך דאָס נישט גענומען צום האַרצן. איינער פון זיי האָט דאָס קלאָר אויסגעדריקט:

אַ ליד, אַ ליד, און נאָך אַ ליד —
ווער הערט זיי דען, די לידער? —
עס הערט זיי גאָט, עס הערט זיי גאָט
און צען פון מיינע ברידער.

(ש. י. אימבער)

דער דור, וואָס האָט געהאַט אַזאַ קוק אויף „לידער“, איז נישט געווען אין פּסיכאָלאָגישן זינען קיין המשך פון די זבאַראַזשערס און באַדערס. ער איז געקומען פון אַ גאָר אַן אַנדער וועלט, פון יענער קינסטלערישער וועלט, וואָס האָט די קונסט דערהויבן צום ראַנג פון אַ נייער רעליגיע און אין גאַנצן פאַרטיליקט דעם לאָזונג פון „נוצלעכקייט“, פון רעאַליזם און השכלה, וואָס זענען אין די לעצטע יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט שוין געלעגן אויפן טויטנבעט.

ס׳וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז בלויז די קונסט, בלויז דער רענעסאַנס פון דער ראָמאַנטיק האָט געגעבן אַזוי פיל כוח דעם יונגן דור יידישע פּאָעטן אין גאַליציע. אין דער אמתן זענען אויך זיי טיף באַווירקט געוואָרן פון די אידעאָלאָגישע כוחות, וואָס האָבן דעמאָלט געקעמפט פאַר דער הערשאַפט אויף דער יידישער גאַס. דאָס איז געווען דעם ציוניזם, וואָס האָט זיך אין די אָנהייב־יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט גענומען שטאַרק פאַרשפּרייטן אויך צווישן דער פּאָלאָניזירטער יידישער יוגנט אין די צוויי סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע פאַרטייען (די פּועלי ציון און די זשע־פּע־עס), וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און פאַר אַלעמען דער יידישיזם, וואָס האָט אין גאַליציע געהאַט, ווי מיר דערמאָנען זיך, אַזעלכע געטרייע קעמפער ווי לייבל טובש און נתן בירנבוים. נישט קיין קליינע השפּעה האָט דאָ אויך געהאַט אברהם רייזען, וואָס האָט אין די יאָרן 1905—1908 געלעבט און געווירקט אין גאַליציע און דאָרט אַרויסגעגעבן צוויי זשורנאַלן.

די ליטעראַרישע באַוועגונג, וואָס איז געשטאַרקט און אינספּירירט געוואָרן פון אָט די פּראָ־יידיש־פּאַרטייען, האָט אין גאַליציע, פּרטימדיק גענומען, אויסגעזען אַזוי:

אין יאָר 1904 (אין וועלכן גרשם באַדער האָט פאַרלייגט די ערשטע יידישע טאָג־צייטונג אין גאַליציע) דעביוטירן ש. י. אימבער און מלך כמעלניצקי. אין די יאָרן 1904—1907 דרוקן אָפּ זייערע ערשטע לידער די קראָקעווער יוסף לעווי און מרדכי געבירטיק, און אַזוי אַרום טרעטן די ערשטע מערב־גאַליציאַנער אַריין אין דער יונג־יידישער פּאָעזיע; אַרום יענער צייט באַווייזט זיך אויך משה לייב האַלפּערן, און אין יאָר 1909 — אין יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ — אין דעם זעלביקן יאָר, אין וועלכן די באַגרינדער פון דער יידישער ניי־ראָמאַנטיק אין רוסלאַנד דוד איינהאָרן, זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, יצחק קאַצענעלסאָן און ב. לאַפּין גיבן אַדויס זייערע ערשטע ביכער, גייען אַרויס אין לעמבערגער פאַרלאַג פון כ. איצקאָוויטש צוויי לידער־זאַמלונגען, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאַלן דאָס מזל צו זיין די צוויי ערשטע מאָדערנע יידישע לידער־ביכער אין גאַליציע: יעקב מעסטלס „פאַרחלומטע שעהן“ און — צוויי וואָכן פריער — ש. י. אימבערס „וואָס איך זינג און זאָג“.

און די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע אין גאַליציע האָט אָנגעהויבן צו זינגען און צו זאָגן...

## ש. אימבער

[1942—1889]

ש. אימבער האָט נישט געהערט צו יענעם מין פּאָעטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אי צו זינגען, אי צו זאָגן. דעם טיטל פאַר זיין לידער־זאַמלונג האָט ער זיך הפּנים אויסגעקליבן צוליב זיין היימיש־אידיאָמאַטישן קלאַנג און מינע־זינגערישן חן. וואָרעם צו זיין אַ זינגער און נישט קיין זאָגער איז געווען זיין אידעאַל. אין דעם פּרט איז ער געווען אַ טיפּישער פאַרטרעטער פון זיין דור. די יידיש־גאַליצישע פּאָעזיע, וואָס פאַר אים, איז געווען אַ זאָגערישע פּאָעזיע. אפילו די אַזוי אָנגערופענע גאַליצישע פּאָלקס־„זינגער“ זענען אין דער אמתן געווען פאָלקס־זאָגער, נישט זינגער. וועלוול זבאַראַזשער האָט נישט פאַרמאָגט מער זינגעוודיקייט, לירישקייט און פּאָעטישע פייכטקייט, ווי דער טרוקענער ליטוואַק און ניכטערער בדחן א. צונזער. אי דעם, אי יענעם איז אינגאַנצן פרעמד געבליבן דאָס ריין לירישע ליד. האָט זיך אימבער אָריענטירט אויף דער דייטשישער און פּוילישער פּאָעזיע (וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען אונטערן צייכן פון ראָמאַנטישער לירישקייט). ער האָט אָבער פאַרשטאַנען

אָפּצוהיטן זיין זעלבשטענדיקייט, איידער ער האָט זיך — שפּעטער — כמעט אינגאַנצן געלאָזט באַהערשן פון היינעס ליד און דער דייטשער באַלאַדע.

שוין אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער האָט ער געצויגן אויף זיך דעם אויפמערק מיט זיין אָריגינעלקייט און אייגנקייט:

ווענן שטילע, ווי קלוגע זקנים,
גראָזן ווייכע, ווי צערטלעכע מאַמעס.
דאָ האָט איר מיך ווידער אַ שיינעם, אַ ריינעם,
מיט אויגן ווי זונען, ווי זונען אים (?) תמוז.

ווענן שטילע, ווי דאַרפישע אויגן,
גראָזן ווייכע, ווי סאַמעט־האָר פלעכטן,
דאָ האָט איר מיך ווידער... איך קום ווי געפלויגן...
מיין גליק איז געווען דאָ . . . נישט נעכטן . . . נישט נעכטן . . .

דאָ האָט איר מיך ווידער — אַ לאַכנדן מענטשן,
אין זומער־טעג לאַנגע אַ קינד צווישן קינדער...
ווענן שטילע, ווי טאַטעס, וואָס בענטשן,
גראָזן ווייכע און זיסע, ווי קינדער.

(אויף אַלטע ווענן)

דער היינטיקער לייענער, וואָס האָט שוין הינטער זיך דעם קינסטלערישן אימאַזש פון דוד איינהאָרן און מאַני לייב מיט זייערע מיטצייטלער, דער לייענער, וואָס האָט שוין מיטגעמאַכט די געוואַגטסטע עקספּערימענטן און עקסטראַוואַגאַנצן פון די עקספּרעסיאָניסטן און אינזיכיסטן, איז אין אַ סכנה, אַז ער וועט נישט ווי געהעריק אָפּשאַצן דאָס דאָזיקע ליד און נישט דערזען זיין נייקייט. מע טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ווען אימבער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, איז דוד איינהאָרן ערשט געווען אַזאַ דעביוטאַנט ווי ער, און מאַני לייב איז נאָך בכלל נישט געווען אויף גאָטס (ליטעראַרישער) וועלט. און אפילו די געוואַגטסטע בעלי חלומות וואָלטן דעמאָלט נישט געווען בכוח צו גלייבן, אַז ס'וועט אין בלויז אײן צענדלינג יאָר אַרום מעגלעך זיין אַן אינזיכיסטיש־עקספּרעסיאָניסטישער עקספּערימענט אין דער „פּשוטער פאָלקס־שפּראַך.

דער עקספּערימענט און די נייקייט פונעם אויבן ציטירטן ליד איז באַשטאַנען אין דעם אינדיווידואַליזירן פונעם געזעענעם אָביעקט (ווענן און גראָזן) און אין דעם אַריינדרינגען אין די אַסאָסיאַציעס, וואָס דער אָביעקט רופט אַרויס; כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָ די אַבסאָלוטע גלייכגילטיקייט צו דער רעאַלקייט פונעם קעגנשטאַנד און זיין פאָטאָגראַפישער „ענלעכקייט". נישט דער אָביעקט גופא איז דאָ געווען וויכטיק, נאָר דער איינדרוק, די אימפּרעסיע, וואָס ער שאַפט ביים באַטראַכטער; און אַזוי אַרום האָבן מיר אין דעם ליד אַ קלאַסישן ביישפּיל פון יידישן אימפּרעסיאָניזם.

אַזאַ גלייכגילטיקייט צום פאָטאָגראַפישן רעאַליזם איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אימבערן און אַ שטרעבונג צו פאַראינדיווידואַליזירן אַ געוויסע איבערלעבונג קען מען נאָך באַגעגענען אין זיינע אַנדערע לידער, אָבער אַ סך אויף דעם געביט האָט ער נישט אויפגעטאָן. מע קען אין זיין ערשטן בוך טרעפן עטלעכע נייע, פרישע פאַרגלייכן און אימאַזשן, ווי:

מיין אויג איז אַ בליץ — און דיין אויג איז אַ טייך
פול הימל און רו...

אָדער:

כאָטש די נאַכט וועט שוואַרץ זיין, שוואַרץ —
רויט וועט לייכטן דיר מיין האַרץ.

צי:

גרייט אָן דערגער רויטצעבליטע,
גרייט אָן דערנער רויזנגרויס.

אָבער נישט אין שאַפן נייע מעטאַפאָרן איז געלעגן אימבערס כוח. אין דעם פּרט איז ער גראָד געווען אַ פּשוטער, כמעט אַן אָרעמער פּאָעט. צוליב דער אָרעמקייט פון זיין מעטאַפאָר איז ער גיכער ענלעך, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, צו אברהם רייזען:

וואו וועסטו מיר גיין אַקעגן? —
ווייסט דאָך ניט דעם וועג...
וועמען וועסטו אויף מיר פרעגן? —
אוי, ניט פרעג, ניט פרעג...

דערפאַר אָבער האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ריינער און ווייכער מעלאָדישקייט און דינער צאַרטקייט:

דיינע אויגן קושן, קושן...
דיינע אויגן גלעטן, גלעטן...
דיינע אויגן, דיינע אויגן
עפּעס ווילן זיי און בעטן.

דיינע אויגן — טיפע ברונעמס...
ברונעמס טיפע, ברונעמס שטילע...
כ'האָב אין זיי מיין בילד דערזען...
לאָז מיך, לאָז מיך זאָגן תפילה...

...דיינע אויגן לאַכן... לאַכן...
דיינע אויגן... דיינע אויגן...
מיינע ווייטאָגן ווי טויבן
זענען פון מיר אָפּגעפלויגן.

אָט די דינקייט און צאַרטקייט איז נישט געקומען בלויז צום אויסדרוק אין דער שפּראַך־קינסטלערישער סטרוקטור פונעם ליד, נאָר אויך אין דער אינעווייניקסטער, אין דער פּסיכישער פאָרעם פון זיין שאַפן. אימבער דער פּאָעט איז געווען אַ דורכויס פעמיניסטישער טיפּ און נישט איין מאָל דאַכט זיך, ווען מע לייענט זיינע ערשטע לידער, אַז עס האָט זיי געשריבן אַ מיידל:

דו פריידן־קוואַל, דו אויגן־שיין,
דו מוזט אַ שלעכטער, שלעכטער זיין —
דו מוזט אַ שלעכטער, שלעכטער זיין —
וואָס הערסטו נישט דאָס רופן מיין?

וואָס דערגייט אפילו צו אַזאַ מדרגה:

איצט נעם מיין האַנט און דריק זי פעסט...
דו ביסט אַ מאַן, ביסט שטאַרק און גוט —

די פעמינישקייט מישט זיך ביי אימבערן מיט אַ נאַאיווער קינדישקייט, וואָס ציטערט ווי אַ דינער שמייכל אויף די לידער פון זיין ערשטן בוך:

לייג איך מיך אין אייזנבעטל
שפּעט ביינאַכט און גאַנץ אַליין —
לאַכן צו מיר מיינע פענצטער
מיט דיין פענצטערס נאָנטער שיין...

ס'איז געווען קינסטלעריש אַ ריכטיקער צוגאַנג, ווען אימבער האָט די קינדישקייט און ווייבלעכקייט אָנגעטאָן אין אַ פאָלקסטימלעכן לבוש און אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַן אָרגאַנישע שייכות צווישן פאָרעם און תוכן.

אַזאַ פאָלקסטימלעכער טאָן שנירלט זיך דורך דעם גאַנצן גאַנג פון זיין שאַפן. דער דאָזיקער פאָלקס־נוסח האָט אים אָפּגעהיט פון קאַלטער ווירטואָזישקייט, ער האָט אים אָבער אויך צוגענומען די מעגלעכקייט צו עקספּערימענטירן מיט מער מאָדערנערע און קאָמפּליצירטערע פאָרמען און צוליב דעם איז אימבער אין פּרט פון פאָרעם געבליבן הינטערשטעליק לגבי די אַנדערע פּאָעטן פון זיין צייט. דערפאַר אָבער האָט ער (אין ערשטן בוך זיינעם) אַרויסגעוויזן אַן אַנדער מעלה: ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון דער באַנאַלער ראָמאַנטישער דעקאָראַטיווקייט, וואָס האָט אַרומגעבלישטשעט מיט דימענטענע טויען, פּורפּורנע פאַרנאַכטן און זילבערנע נעפּלען — און דאָס האָט אים נענטער געבראַכט צו דער גרופּע „יונגע" פּאָעטן אין אַמעריקע, וואָס זענען, לויטן עדות זאָגן פון ראובן אייזלאַנד, אין די ערשטע יאָרן פון זייער שאַפן געשטאַנען אונטער אימבערס השפּעה.

אַ סך אַ גרעסערע ווירקונג האָט אָבער אימבער געהאַט אויף די יונגע יידישע פּאָעטן אין גאַליציע. מלך ראַוויטשעס ערשט בוך, מיט וועלכן ער האָט זיך באַוויזן „אויף דער שוועל" פון דער יידישער ליטעראַטור, איז געווען אינגאַנצן באַאָטעמט פון אימבערס ליד. מיט רעכט האָט זיך דוד קעניגסבערג געהאַלטן פאַר אימבערס תלמיד און פאַר אַזעלכן דאַרף אויך געהאַלטן ווערן יוסף לעווי פאַר די ווערק זיינע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט פאַר דעם שיינעם ציקל זיינעם „מיין טאַטע דער סופר". און דאָ דערמאָן איך שוין נישט אַ גרויסע צאָל גאַליצישע אימבעריסטן (ווי יעקב ניימאַרק און אַנדערע), וואָס האָבן נישט פאַרעפנטלעכט קיין זאַמלונגען פון זייערע ווערק, און די לידער זייערע זענען באַגראָבן אין יענעם מאַסן־קבר, וואָס טראָגט דעם נאָמען: די יידישע פּרעסע.

אין רוסלאַנד אָבער איז אימבערס אויפקום געבליבן אומבאַמערקט. מיר דרינגען דאָס דערפון, וואָס אין דער אויסגעצייכנטער אַנטאָלאָגיע „די יידישע מוזע" (1911) פון יעקב פיכמאַן פעלן אינגאַנצן אימבערס לידער, הגם ס'איז דאָרט אָפּגעגעבן געוואָרן אַ געהעריק אָרט די אַנדערע יונגע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער זעלביקער צייט ווי ער.

צוויי יאָר נאָכן פאַרעפנטלעכן זיין ערשט בוך, וואָס האָט אינאיינעם מיט מעסטלס „פאַרחלומטע שעהן" געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידיש־גאַליצישער פּאָעזיע און אַ ריר געטאָן פונעם אָרט דאָס שטייענדיקע וואַסער פונעם יידישסטן וואָרט אינעם יידישסטן טייל פון עסטרייך — האָט אימבער אַרויסגערופן אַ סענסאַציע מיט זיין פּאָעמע „אסתרקע", וואָס האָט אים מיט איין קלאַפּ באַרימט געמאַכט אויך מחוץ די גרענעצן פון זיין געבוירנלאַנד. דורך דער דאָזיקער פּאָעמע איז די גאַליצישע אָפּגעזונדערטקייט ווי נעלם געוואָרן און דער גאַליצישער ישוב איז אַריינגעטראָטן אין קרייז פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. אין אָט דעם נאַציאָנאַלן פאַקט ליגט פאַר אַלעמען די ווערט פון דער פּאָעמע. אָבער באַגריסן האָט מען אסתרקען באַגריסט בלויז פון עסטעטישן שטאַנדפּונקט, געהאַלטן זי פאַר אַ גרויסן קינסטלערישן אויפטו און זי איז אין איר צייט געווען דאָס סאַמע פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע פערזנבוך, וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון דער פּען פון אַ גאַליצישן שרייבער. דער רושם פון „אסתרקען" איז נישט געווען קלענער, ווי דער רושם, וואָס האָט געמאַכט מיט אַ קנאַפּן פערטל־יאָרהונדערט פריער פּרצעס „מאָניש" — און מען האָט אין גאַליציע גענומען קוקן אויף אימבערן שיער ניט ווי אויף אַ קלאַסיקער... אין דעם סטאַנדאַרד־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע" (1914), קען מען נאָך היינט לייענען, אַז „אסתרקע" געהערט „צו די שענסטע שאַפונגען פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור". דאָס ווערק איז אויך אויפגענומען געוואָרן ווי אַ שול־לעקטור אין יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן און אַמעריקע. און די דריי אויפלאַגעס, וואָס עס האָט געהאַט (1911, 1914, 1921) זענען אַ ביבליאָגראַפישער עדות אויף זיין באַליבטקייט. היינט אָבער איז שווער מסכים צו זיין מיט דער באַגייסטערונג פון אַמאָל און שווער איבערצולייענען די פּאָעמע אָן אַ טיפערער אַנטוישונג. ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז די לייענער און קריטיקער פון אַמאָל זענען באַרעכטיקט געווען אויפצונעמען די פּאָעמע מיט אַ וואַרעמקייט און סימפּאַטיע, ווייל „אסתרקע" איז אַרויסגעוואַקסן פון דער אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָכן יאָר 1906. זי האָט, ענלעך ווי דוד איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען", גוט אויסגעדריקט די שטימונגען פונעם פאַרמלחמהדיקן דור און קלאָר אַרויסגעבראַכט זיינע נאַציאָנאַלע און קינסטלערישע בענקשאַפטן.

ש. ניגער דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטסהעפטן", האָט ער נישט פאַרבעטן פאַר אַ מיטאַרבעטער שלום עליכמען, ווייל דער מחבר פון „מנחם מענדל"

איז פאַר אים געווען צו רעאַליסטיש און — צו טרוקן. הפּנים, אַז דער נייער דור איז מיד געוואָרן פון דער וואָכעדיקער גרויקייט פון כתרילעווקע און געבענקט נאָך פאַנטאַסטישקייט, מעשהדיקייט און לעגענדאַרישקייט. די פּאָפּולערקייט פון אַזאַ פּאָעט ווי דוד איינהאָרן לאָזט זיך קודם כל אויסטייטשן מסתמא דערמיט, וואָס עס איז אים געראָטן צו קוקן אויפן אָרום ווי אויף אַ מעשהלע, אַ צאַרט מעשהלע, וואָס שפּינט זיך „אין האַרבסטיקן שווייגן". אויפן אָרט פון דער וואָר איז געטראָטן דער חלום: פּרצעס סימבאָלישע דראַמען, אַ שטייגער, זענען אין דער אמתן — דראַמאַטיזירטע חלומות.

נישט דער מענטש פון אונדזער צייט, נישט דער וואָכעדיקער ייד פון אַ גאַנץ יאָר האָט אינטערעסירט דעם פּאָעט, נאָר זיינע פאַנטאַזיעס און צאַרטע חלומות: נישט די פּרוי פון פלייש און בלוט איז געווען זיין אידעאַל, נאָר די „בלאַסע בת־מלכה". ש. י. אימבערס „אסתרקע" איז טאַקע נישט געווען עפּעס אַנדערש ווי אַזאַ „בלאַסע בת־מלכה". דוד איינהאָרן האָט אין זיין „האַרבסט־שטימונג"־ליד אויסגעדריקט אַזוי די עסטעטישע פּראָגראַם פון זיין צייט:

דו זײַ די פּרינצעסין, און איך דער בן מלך.
אַ צערטלעכער טרוים וועט אונדז ביידע פאַרוועבן.
אין ערגעץ אַ פּאַלאַץ, וואָס טונקט זיך אין וועלדער,
פאַרחלומטע וועלן מיר איינזאַם דאָרט לעבן.

און אימבער האָט טאַקע געגעבן אָט אַזאַ מעשהלע וועגן אַ מלך און זיין „פּרינצעסין", וואָס האָבן געלעבט ערגעץ אין אַ „פּאַלאַץ", וואָס טונקט זיך אין וועלדער". אַפילו דער טרויעריקער אויסלאָז פון אימבערס מעשהלע איז געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין די שטימונגען פון דער איינהאָרן־עפּאָכע, אַז נאָכן איבערלייענען „אסתרקען" האָט דער לייענער ווילנדיק, נישט־ווילנדיק, זיך געמוזט דערמאָנען אָן דעם סוף פון איינהאָרנס האַרבסט־שטימונג־ליד:

נישט שרעק זיך, מיין ליבסטע, פאַרגעס אָן דער ענדע,
פאַרזינק אין די שאָטנס דיין טיפן באַדויער.
עס גיט אַזוי זעלטן אַ שיינע לעגענדע,
וואָס זאָל נישט פאַרהילט זיין אין אייביקן טרויער.

און „אסתרקע" איז טאַקע געווען אַזאַ „שיינע לעגענדע", וואָס איז געווען פאַרהילט אין אייביקן טרויער, איינע פון אונדזערע סאַמע עלטסטע לעגענדעס, וואָס האָט לאַנגע יאָרהונדערטער געוואַרט אויף אַ תיקון אין דער יידישער ליטעראַטור — נאָך דעם ווי פּוילישע און (גאַליציש־) דייטשע שרייבער האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט קינסטלעריש געפּורעמט.

ס'איז אויך געווען אימבערס אַ גליקלעכער איינפאַל, וואָס ער האָט זיך נישט געשטיצט אויף אַ רעגיאָנעל־באַגרענעצטער פאָלקס־מעשה, נאָר גענומען אַן אַלגעמיין־פאַרשפּרייטע לעגענדע און אויף אַזאַ אופן איז אסתרקע שיער נישט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער עפּאָס... אימבער אַליין האָט זיך צום טייל גערעכנט אויך מיטן עפּאָס־סטיל און אָנגעהויבן זיין פּאָעמע מיט אַן אינוואָקאַציע, ווי ס'האָבן דאָס געטאָן אַלע גרויסע עפּיקער פון האָמערן איבער מילטאָנען ביז מיצקיעוויטשן... אַרויסגעקומען איז אָבער בלויז אַ פאָלקס־מעשהלע. און אויך דאָס איז געווען אַ סיבה פון איר באַליבטקייט ביים לייענער־עולם. אין אַ צייט, ווען די זאַמלונגען פון יידישע פאָלקס־לידער (גינסבורג־מאַרעק) האָבן זיך גענומען שטאַרק פאַרשפּרייטן און אויך די אינטעליגענץ האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן יידישן פאָלקלאָר, איז דער פאָלקלאָר־נוסח פון אימבערס „אסתרקע" געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און ס'איז דערפאַר אפשר גאָר קיין צופאַל נישט, וואָס די ערשטע צוויי באַגייסטערטע רעצענזענטן פון „אסתרקען" זענען געווען צוויי באַדייטנדיקע פאָלקלאָר־פאָרשער: נח פּרילוצקי און יצחק שיפּער. מע טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז קורץ פאַר „אסתרקען" זענען אַרויס פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"; און אימבערס פּאָעמע איז אויך געווען אַזאַ מין „פאָלקסטימלעכע געשיכטע", וואָס איז צוגעשטייערט געוואָרן פון אַ גאַליציאַנער צו דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור.

מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַז ער פאַראַפראַזירט אַ פאָלקס־מעשה, האָט זיך אימבער באַמיט צו פורעמען זיין ווערק אויף אַ פאָלקסטאָן און דאָס איז אים אויך צום טייל געראָטן:

אוי מאַמע, זאָג, וואָס דו וויינסט!
אוי מאַמעניו, האַרצעניו מיינס —
עס האָט מיך דעריאָגט אויף מיין וויטן שפּאַציר
אַ ווינטל מיט זיפצן, מיט זיפצן פון דיר —
אויף טריט און אויף שריט דיין נשמה איך שפּיר...
אוי מאַמעניו, זאָג, וואָס דו וויינסט!

אָדער:

אוי טעכטערל, טאָכטער דו מיין,
איך קוק אין דעם גאָרטן אַריין.
ווי די רויזן פול חן, ווי די ליליען ריין,
אַזוי זאָל מיין טאָכטער זיין.

ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אויף אַ קינסטלערישן אופן, צו קאָמבינירן דעם פאָלקסטאָן מיטן באַלאַדן־נוסח און די באַלאַדעסקע טענער האָבן צוגעגעבן אַ סך ראָמאַנטישן כישוף דער פאָלקס־מעשה:

דער מלך האָט פון רייטפערד זיך טיף אַראָפּגעבויגן,
די שיינע האָט צום ליבסטן דערהויבן אירע אויגן,
דערהויבן און פאַרשעמט זיך, און שטיל געלאָזט זיי זינקען —
עס האָבן זי געטראָפן די קעניגלעכע פונקען.

וואָס דערמאָנט שטאַרק אין דער ענגלישער און דייטשישער ראָמאַנטישער באַלאַדע פון געטעס און אולאַנדס שניט (דאָס קאַפּיטל 19 פון „אסתרקען" לייענט זיך בכלל ווי אַ פאַראַפראַזע פון „ערלקעניג").

אַ חן גיבן אויך צו דער פּאָעמע גוטע אינעווייניקסטע גראַמען („איך הער און קלער, מיין האַרץ גייט שווער", „ווי די רויזן פול חן ווי די ליליען ריין"), וואָס ווערן באַלעבט דורך אַ רייכן סטראָפנבוי, וואָס בייט זיך פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל (ווי ביי „מאָנישן") און דאָס גיט צו דער פּאָעמע טעמפּאָ און ריטמישע פאַרביקייט.

גוט געטראָפענע באַלאַדישקייט, פאָלקסטימלעכקייט (כאָטש אַ סתם אייראָפּעאישע, גישט קיין יידישלעכע, ווי מיר טרעפן זי ביי די וואַרשאַווסקיס און מיכאל גאָרדאָנס), רייכקייט פון סטראָפישער סטרוקטור און ריטמישע אינסטרומענטאַציע זענען, צום באַדויערן, די איינציקע מעלות פון דער פּאָעמע. און דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען גענוג, ווען די פּאָעמע וואָלט ניט פאַרמאָגט אָן אַ שיער גרויסע חסרונות.

אין וואָס באַשטייען די חסרונות?

מע וואָלט באַדאַרפט אָננעמען פאַר זיכער, אַז אין אַ פאָלקס־מעשה דאַרף נישט נאָר דער טאָן זיין פאָלסטימלעך, נאָר אויך דאָס לשון. איז פונקט ביים שרייבן „אסתרקען" אימבערן אַריין אַ שגעון אין קאָפּ אַריין: צו באַנוצן זיך מיט דייטשמעריזמען אויף שריט און טריט. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי אימבערן, דעם שפּעטערדיקן העברעאיסט, וואָלט געגאַנגען אין לעבן, צו פאַרוואַנדלען יידיש אין אַ זשאַרגאָן, אין עפּעס אַ קאָמישן גאַליציש־עסטרייכיש־יידישן דיאַלעקט פון דייטש.

אַזעלכע הילצערנע דייטשמעריזמען ווי: לאַנגזאַם — הופן — האַסט — ראַסט — קין — בלינקען — און דייטשמעריש געבויטע נעאָלאָגיזמען, וואָס האָבן נישט קיין טעם און קיין ריח — ווי „באַכט־פאַרדרענגט", „זאַפּטנרייך" און אַנדערע דערגייען דעם לייענער די יאָרן ביי יעדן קער און ווענד. גאַנצע פראַזן אַזוינע ווי „די יודן־רויז פול קעניגס־פראַכט" טראָגן אַריין, חוץ פּסעוודאָ־פּאָעטישקייט, אַ טערפּקען גויאישן טעם, און דאָס וואו? אין אַ מעשה, וואָס אונדזערע באָבעס האָבן דערציילט אין שטילע, ווינטערדיקע פאַרנאַכטן... נאָך ערגער איז, ווען אַ דייטשמערישקייט טרעפט זיך צונויף מיט אַ פאָלקסטימלעכן אויסדרוק:

געפילט האָט זי,
אַז אין די קני
ווערט באַלד קיין קראַפט איר קלעקן.

און די סיטואַציע ווערט נאָך פאַרשלעכטערט, ווען אימבער כאַפּט זיך אָן נישט־אויסקלייבעריש אין סתם אַ וואָרט, כדי צו קריגן דעם גראַם:

געטרונקען האָט ער איבערגענוג,
האָט גאָרנישט אויסגעלאָשן —
אַ פייערגלוט
האָט אין זיין בלוט,
האָט ווילד זיין האַרץ געדראָשן. (!)

אימבער איז געווען אַ דורכויס־לירישער פּאָעט און ס'וואָלט אומזיניק געווען צו פאַרלאַנגען פון אים אַ גרעסערע עפּישע פעאיקייט, אַ דערציי־



לערישקייט אָדער די פעאיקייט צו בויען אַ דיאַלאָג. אָבער ווי אַ מחבר פון אַ פּאָעמאַטישער דערציילונג וואָלט ער געמוזט פאַרמאָגן כאָטש אַ פונק פון די דאָזיקע פעאיקייטן. מיט דער הילף פון לירישע אינטערמעצאָס און מאָנאָלאָגן האָט ער פאַרשטאַנען ווי ס'איז אויסצואוועבן די פאַבולע פון דער פּאָעמע, אָבער דער מאָנאָלאָג גופא (און דער דיאַלאָג) זענען הילצערן־רעטאָריש, שטייף־דעקלאַמאַטאָריש, כמעט פאַראָדיסטיש. די רייד פון די פרויען (פון אסתרקען און איר מאַמען) זענען נאָך — וואָס ביי דעם פּעמי־ניסטישן אימבערן איז דאָס קיין וואונדער נישט — פאָלקסטימלעך און מענטשלעך (הגם נישט אָן האַרטקייטן), דער דיאַלאָג און דער מאָנאָלאָג פון די מענער אָבער זיינען פשוט אומדערטרעגלעך.

אָט, ווי ס'רעדט אסתרקעס טאַטע, אַ פשוטער, יידישער שמיד פון פערצנטן יאָרהונדערט:

צום הימל שוועב, אויף פעלדער פלי,
מיין גליק־געדאַנק, מיין פרייע זעל!
מיין פרייע זעל, טאָג אויס, טאָג איין,
פאַרקנעכט איך זיך דער אַרבעט האַרט:
מיין גליק־געדאַנק! מיט לער געוויין
פאַרשטעל די זון איך, וואָס דיך וואַרט...

און קאַזימיר דער גרויסער רעדט צו אים אַזוי:

ביז נאַכט־פאַרדהענגט דער טאָג פאַרטאָגט,
ווערט זיס מיר זיין ביי אייך די ראַסט.

די שילדערונג אין דער פּאָעמע איז נישט אויסגעפאַלן בעסער. אַזוי ווי אימבער האָט נישט פאַרמאָגט קיין וויזועלן חוש, איז אים די בילד־לעכקייט אין דער פּאָעזיע געווען פרעמד. אין זיינע ערשטע לידער האָט ער פון איר רעזיגנירט אינגאַנצן. אין אַן עפּישן ליד האָט ער זיך אָן איר נישט געקענט באַגיין און זי געמוזט באַנוצן. האָט ער זיך באַנוצט מיט גרייטע, אָפּגעבליאַקעוועטע שאַבלאָנען. די לאַנדשאַפט איז דערפאַר אַרויסגעקומען פסעוודאָ־פּאָעטיש־באַנאַל, זיסלעך־ראָמאַנטיש און פלאַך־דע־קאָראַטיוו:

די זון האָט זיך געטובלט אין גאָלד־באַשפּריצטן וואַסער.
...די ביימער ביי דעם וואַסער, זיי סודען זיך פון גליקן.
די פייגל אויף די ביימער צום הימל לידער שיקן.

מיט דער באַנאַלקייט פון דער לאַנדשאַפט־מאָלעריי פאָרט זיך די טרי־וויאַלקייט פון געדאַנק:

וואָס איז דער ייד? אַ פריי פאַרמעג...
דעם יידנס קינד — אַ בלום ביים וועג...
מע ברעכט זי פריי, מע טרעט אָן שרעק.

מעגלעך, אָבער, אַז גראָד אַזאַ באַנאַלע נאַציאָנאַלקייט האָט געקענט ווירקן אין די יאָרן נאָכן קישענעווער פּאָגראָם.

נישט געקוקט אויף אַלע אירע חסרונות איז „אסתרקע" — געשיכטלעך גענומען — געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור: זי איז געווען די ערשטע מאָדערנע פּאָעמע אויף יידיש (אין גאַליציע האָט זי אַרויסגערופן אַן אמתע פּאָעמאָ־מאַניע) און די ערשטע מאָדערנע יידישע באַלאַדע — און אַזוי־אַרום געלייגט דעם יסוד פאַר דער באַלאַדע פון דוד איינהאָרן און מאַני לייב, זישע לאַנדוי און איציק מאַנגער.

„אסתרקע" איז געווען די אייגציקע שאַפונג, אין וועלכער אימבער האָט געשעפּט פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור.

כדי צו באַהעפטן זיך ענגער מיט דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט איז געווען נייטיק צו דערקענען די שיינקייט פון יידישן פאָלקס־לעבן אין די לענדער, וואו יידן האָבן געוואוינט, ד"ה צו זען די שיינקייט פון יידישן לעבן אין גלות.

אימבער האָט נישט געהערט צו דעם דאָזיקן טיפּ ייד.

וועמ ס'האָט געגלייבט, אַז דער ייד אין גלות מוז זיין אַ „פּריי פאַרמעג", איז נישט געווען פּסיכיש צוגעגרייט צו קיין שום פאָרעם פון פאָלקיזם.

איז שוין נאָכן איבערלייענען „אסתרקען" געוואָרן קלאָר, אַז אימבער וועט זיך מער נישט אומקערן צום יידישן פאָלקס־שאַפן. זייענדיק אַ ציוניסט, האָט ער געזוכט אַנדערע וועגן צום יידישן קוואַל — און אין יאר 1912 איז ער אַוועק צו־גאַסט קיין ארץ ישראל. זיינע איבערלעבונגען דאָרט האָט ער איבערגעגעבן אין אַ קליין ביכעלע, „אין יידישן לאַנד", וואָס איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַרויס אין אַ פאַרגרעסערטער אויפלאַגע אונטערן טיטל „היימלידער".

דער לייענער האָט געהאַט דאָס רעכט צו וואַרטן אויף אימבערס בוך מיט דער גרעסטער שפּאַנונג: איז ער דאָך געווען דער ערשטער גאַליציש־יידישער פּאָעט, וואָס האָט זוכה געווען צו זען ארץ ישראל מיט זיינע אייגענע אויגן און זיין בוך איז געווען דאָס ערשטע לידערבוך אויף יידיש, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון אַן אמתער ארץ־ישראל־איבערלעבונג, און נישט ווי די פריערדיקע פּאַלעסטינאָפילע פּאָעזיע — פון דער פאַנטאַזיע.

צום באַדויערן האָט זיך די שפּאַנונג געענדיקט מיט אַן אַנטוישונג.

אמת: די ציוניסטישע און פּועלי־ציוניסטישע פּרעסע האָט אויפגענומען דאָס ביכל מיט סימפּאַטיע — איז עס דאָך געווען אַ רעזולטאַט פון זייער פּראָגראַם — אָבער דער לייענער, וואָס האָט געזוכט אין דעם בוך נישט נאָר ציוניזם, נאָר אויך און קודם־כל אַ קינסטלערישן אויסטייטש פון די ראַנגלענישן פון די ערשטע פּיאָנערן אין „יידישן לאַנד", האָט געפונען ווייניק, זייער ווייניק, וואָס וואָלט אים געקענט אינטערעסירן.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון אימבערס בוך איז געווען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט עפּעס אַ נייער אויפלאַגע פון אַ ציוניסטישער געזאַנג־און דעקלאַמאַציע־אַנטאַלאָגיע.



שטאָט צו געבן קאָנקרעטע בילדער פון ארץ־ישראל, האָט דער פּאָעט ליבער אָנגענומען די פּאָזע פון אַ נביא (וואָס האָט אים זייער ווייניק געפּאַסט) און געוואָרפן אין ריטעם פון ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט":

אין צו די שטאַרקע זאָג איך: גייט!
עס איז די צייט פון קאַמף און קריג —
און יעדער העלד, וואָס קומט צו שפּעט,
פאַרהעלפט דעם שונא צו דעם זיג!

אגב: אַ שיינער „העלד", וואָס קומט „צו שפּעט" און „פאַרהעלפט דעם שונא"!

דער דיכטער פאַרזיכערט אונדז אפילו, אַז:

כ'האָב די זון געזען בליען
אויף דיין גאַנצער לענג, אָ לאַנד!
פון די זאַמדן פון תל־אביב
ביז צום גרינעם גליל־שטראַנד (!)

אָבער, וואָס ער האָט געזען אויף דער גאַנצער לענג פון לאַנד, פאַרשוויגט ער אינגאַנצן. פון צו געבן אויף דעם אַ קאָנקרעטן ענטפער דרייט ער זיך זייער געשיקט אַרויס:

עס פרעגט מיך דער און יענער:
וואו איז דאָרט אין דער היים?
צי איז דאָרט, ווי מיין שרעק זאָגט,
צי איז דאָרט ווי איך טרוים?

און כ'ענטפער דעם און יענעם
און מע פאַרשטייט מיך קוים:
ס'איז ערגער, ווי דיין שרעק זאָגט,
ס'איז שענער פון דיין טרוים.

(אַ תשובה)

און ס'האָט טאַקע נישט געקענט זיין אַנדערש: אימבער האָט נישט פאַרמאָגט קיין חוש פאַר פּלאַסטיק, פאַרביקייט, לאַנדשאַפט. איז שטאָט צו געבן אַ בילד, די לאַנדשאַפט, די מענטשן, האָט ער אָנגעפילט די לידער זיינע מיט פאַרשידענע קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פונעם „יידישן לאַנד":

קיין רויז אין דער פרעמד אַזוי שיין פאַר מיר בליט
...ווי דיין דאָרן.

אָבער, ווי ס'זעט אויס „דער דאָרן" האָט אונדז דער פּאָעט נישט געזאָגט. און ס'איז דאָך שווער אפילו אַ וואָרט־קינסטלער צו גלייבן אויפן וואָרט, ווען ער ברענגט נישט קיין (קינסטלערישע) באַווייזן.

שטאָט צו ברענגען באַווייזן — האָט ער געבראַכט איינפאַלן.

אויף שריט און טריט פילט מען, אַז אימבער האָט רעאַגירט אויף אַן איבערלעבונג מיט אַ ליד, נישט ווען ער האָט געהאַט דאָס בילד אין דער נשמה, נאָר דעם איינפאַל אין קאָפּ.

למשל:

עס ליגן די פעלדער יהודהס
און קוקן פול קנאה אַהין
צום יונגן באַזונגענעם גליל
און ווערן פון קנאה אַזש גרין!

אָדער (אין אַ ליד צו דער מאַמען):

פון האַנדלען מיט מאַנדלען פלעגט קלינגען דיין ליד
און איך האָב אַליין זיי געפלאַנצט.

אַזאַ געדאַנקען־איינפאַל נעמט ביי אים נישט זעלטן אָן די פאָרעם פון אַ שלאַנקען אַפאָריזם — („כ'האָב מיין האַרץ די רו פאַרבאָטן — ווען כ'האָב זיך דאָרט אויסגערוט”), אָבער ס'איז שווער מסכים צו זיין אַז מע זאָל קענען אויף אַזאַ אופן פאַרענטפערן קינסטלערישע פּראָבלעמען.

און מע מוז שוין דאַנקען גאָט, ווען מע טרעפט איגעם ביכל אַזאַ שטיקל אָרעם בילד, ווי:

כ'געדענק ניט אירע אויגן,
כ'געדענק ניט אירע האָר —
אין זון־שיין האָט איר קאָסע
געגלאַנצט ווי זילבער קלאָר.

יאָ, אימבער האָט נישט געדענקט די אויגן און נישט די האָר. ער האָט בכלל ווייניק געזען און דערזען, ווי ער וואָלט אַרומגעגאַנגען „אויף די זאַמדן פון יהודה” מיט פאַרמאַכטע אויגן.

איבעריקנס, זענען אין בוך פאַראַן מער בענקשאַפט־אויסרופן צום לאַנד (נאָכן צוריקקער פון דאָרטן) ווי לידער וועגן לאַנד גופא. זיכער דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס די בענקשאַפט שפּילט אַ גרעסערע ראָלע אין דער נשמה פון אַ ראָמאַנטיקער, ווי אַ רעאַלע איבערלעבונג, אָבער ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס האָט דאָ געווירקט די טראַדיציע פון דער פאַ־לעסטינאָפילער ליריק.

אימבערס דורכפאַל איז נישט געווען בלויז זיין אייגענע שולד; ס'איז דאָס אויך די שולד פון זיין דור. ווייל אימבער איז נישט געפאָרן קיין ארץ ישראל ווי אַ קינסטלער, כדי זיך אָנצוזעטיקן מיט נייע בילדער און איבער־לעבונגען, נאָר ווי אַ פאַרטרעטער פון אַ דור ציוניסטן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט לאַנד, נישט מיט לאַנדשאַפט, מיטן לעבן, וואָס דאַרף ערשט אויפקומען, און נישט מיט דער שיינקייט פון מזרח.

פאַרשטייט זיך, ווען אימבער וואָלט געווען אַ גרויסער קינסטלער און געהאַט אַ וויזועל־מאָלערישן חוש, וואָלט ער גובר געווען אַלע שוועריקייטן און געשאַפן אַ בעסער ווערק. אָבער קיין מאָלערישן חוש, ווי געזאָגט, האָט ער נישט פאַרמאָגט און אַ גרויסער קינסטלער איז ער געווען בלויז אין עטלעכע, זעלטענע מאָמענטן פון זיין לעבן.

למען האמת דאַרף אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז אימבערס בוך „אין יידישן לאַנד” איז דאָס ערשטע לידער־ביכל אויף יידיש, וואָס איז אויפגע־



קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אמתער פאַלעסטינע־איבערלעבונג — און אימבער איז אין דעם פאַל ווידער געווען אַ פּיאָנער און אַ פאָרגייער פון די אויערבאַכס, וויינפּערס און די אַלע יידישן פּאָעטן, וואָס שאַפן איצט אין מדינת ישראל.

די צוויי ערשטע ביכער שמואל יעקב אימבערס האָבן געהאַט איין בשותפותדיקע טעמע: די ליבע. און ענלעך איז עס געווען מיט אימבערס דריטן בוך „אין יידישן לאַנד”. אימבער באַזינגט דאָרט ארץ־ישראל ווי אַ פאַרבענק־טער געליבטער באַזינגט זיין כלה. אויך דאָס בוך איז געווען אין דער אמתן אַ ליבעסלידער־בוך. און צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן אויך זיינע דריי לעצטע ווערק: „רויזנבלעטער” (1914), „וואַלד אויס וואַלד איין” (1920) און די פּאָעמע „וויקטאָריא”, וואָס באַזינגט די ליבע פון האַמסונס ראָמאַן־העלד יאָהאַננעס.

דאָס שרייבן ליבעס־לידער האָט געמוזט זיין נאָענט צום האַרצן פון אַ ראָמאַנטיקער. נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָ איז מעגלעך געווען אינטענסיווער צו געשטאַלטיקן דעם ליריזם, נאָר פאַר אַלעמען דערפאַר, ווייל קיין שום פאָרעם פון מענטשלעכן לעבן איז נישט אַזוי איכיש, אַזוי אָפּגעטיילט פונעם כלל, אַזוי איינגעצאַמט אין זיך, ווי די עראָטישע איבערלעבונג. און אימבער איז געווען אַ דורכויס איכישער פּאָעט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אויך געשריבן נאַציאָנאַלע לידער. דעם איכישן פּראָגראַם האָט ער אויך אויסגעדריקט קלאָר אין זיינע „רויזנבלעטער”:

איך זינג אייך פון מיר אַזוי פיל
און כ'וועל אייך נאָך זינגען פיל מער.

די איכישקייט אין דער ליטעראַטור האָט אימבער דערפירט אַ סך ווייטער, ווי זיינע מיטצייטלער, וואָס האָבן זיך שווער געראַנגלט מיט יידישע פּראָבלע־מען, וועלכע זענען אַרויפגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך נאָך דעם דורכ־פאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַקומען אַזאַ קלאַסישן אויסדרוק אין די לידער פון דוד איינהאָרן און אין געוויסע לידער פון י. י. שוואַרץ און מ. ל. האַלפּערן.

פאַרשטייט זיך: אויך אימבער איז געווען אַ קינד פון זיין צייט, אויך ער האָט איר געצאָלט צינדזן, ווען ער האָט זיך אויף אייגהאָרנישן שטייגער באַ־גייסטערט פאַר דער שיינקייט פון דער אַלטער יידישקייט (אין ליד „שבת”):

געאַכפּערט און געלויבט זענען די שעהען,
ווען קינדיש ווערט דאָס אויג פון מקובלים,
ווען שטאָט דעם קלאַנג פון בלאַנקע זילבער־שקלים,
שווימט ס'רוישן פון פרוכת־זייד דעם בלאָען —

אָבער דאָס זענען געווען גאָר, גאָר זעלטענע פאַלן. דער ציוניזם האָט אים געהאַלטן ווייט פון דער גלות־יידישקייט און דאָס יידישע לאַנד מיט דער נייער שומרים־יוגנט האָט אים פאַרשטעלט די אויגן פאַר דעם „פרוכת־זייד דעם בלאָען”. זיין איכישקייט אָבער האָט אים שוין פאַרשטעלט — אַלץ. די

נאַטור האָט ער קיינמאָל נישט געזען; דער וואַלד באַווייזט זיך צוויי מאָל אין טיטל פון זיין (לעצטן) לידערבוך, אָבער אין די לידער פילט מען אים קיינמאָל נישט. וואו ער רעדט וועגן אים, טוט ער דאָס צוליב אַלעגאָרישקייט:

עס וויינען די ביימער
מיט פּראָסטיקע טרערן
און שעפּטשען מחילה דער זון און דער ערד —
מחילות דער זון
פֿאַר איר פֿאַלשקייט אים (!) ווינטער,
מחילות דער ערד פֿאַר דעם זאַפט, וואָס זי נערט.

ער פּלעגט זיך אויך טיילמאָל (וואָס איז געווען דעמאָלט אין דער מאָדע) איבערווינקען מיטן „מאָנד", וואָס האָט אָבער פֿאַר אים נישט אַראָפּגעלויכטן פונעם הימל, נאָר אַרויסגעדייטשמערט פון מאָריס ראָזענפעלדס "געדיכטע":

גאָט האָט דעם מאָנד (!) געגעבן
צו (!) די שטערן פֿאַר אַ הירט (!).

דאָס איינציקע, וואָס אימבער פּלעגט נאָך פון צייט צו צייט זען, איז געווען זיין מאַמע און איר האָט ער אויך געשענקט איינס פון זיינע בעסערע לידער:

דיין מוטער איז אַ שטילע טויב,
דיין מוטערס טרערן קלויב זיי, קלויב.

דיין מוטער איז אַ קינד, ווי דו —
דו ביסט איר אומרו און איר רו.

זי איז דיין אומרו און דיין רו —
ווען דו טראַכסט פון איר, מאַך די אויגן צו.

(געשריבן 1908)

און חוץ דעם האָט ער שוין גאָרנישט נישט געזען — נאָר זיך און — די ליבע. צי ער איז געגאַנגען „רעכטס און לינקס פון וועג" צי „וואַלד איין וואַלד אויס", האָבן אים תמיד געפירט „די שטעגן־וועגן דער ליב אַקעגן" צו דעם לאַנד, וואו ס'וואוינט „די פּרינצעסין טויבנהאַרץ". און אָט דער דאָזיקער „פּרינצעסין" האָט זיך אימבער פֿאַרשקלאָפּט אין מער ווי דריי הונדערט לידער, און באַזונגען זי אין אַ פּסעוודאָ־באַנאַלן אופן אַ פּופצן יאָר פון זיין לעבן.

וועגן איר האָט ער געשעפּטשעט:

מיין ליבסטע די ליליע,
מיין ליבסטע די רויז

און זיך באַגאָסן מיט אַ „ים מיט טרערן", כדי ווידער צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו רופן:

דו שטילע, ווייסע, ווייטע רויז!
דו רויז פול זיסקייט און פול דופט!



און אַזוי ווי עס האָט נישט געפּאַסט פֿאַר אַ גאַליצישן אינטעליגענט צו פירן אַ ליבע אויפן פּשוטן זשאַרגאָן און יהואָש האָט שוין לאַנג געטענהט —

אַ ליבעס ליד אויף זשאַרגאָן?
דאָס קלינגט ווי אַ פּראָסטער לצנות,

האָט אימבער אין זיינע ליבעסלידער געדייטשמערט אַזוי, ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן נישט אין סאַסעוו, נאָר אין בערלין... און אַרומגעגאַנגען איז ער אַרום דער „פּרינצעסין טויבנהאַרץ" שטענדיק מיט אַ „לייכנבלאַס געזיכט", בשעת זי אַליין איז געווען „מיט זיסן דופט אומגעבן". צום גליק האָט ער זיך דערביי נישט פֿאַרגעסן אונטערצולערנען דייטש, אַנישט וואָלט ער נישט געווען בכוח אָנצושרייבן אַזעלכע שורות:

ס'הענגען אויף דאָרט האָפנונגס צייכן
די, וואָס זענען ליב געבלייכט —
און דאָ אונטן ליגן לייכן
האַלב־באַרוט און מערגרונד פייכט.

דער דייטשמעריזם איז געקומען צו אימבערן נישט נאָר פון דער עלטערער יידישער פּאָעזיע (מאָריס ראָזענפעלד א"א) נאָר מסתמא אויך פון זיין אינטענסיוון באַשעפטיקן זיך מיט היינען (וועמען ער האָט — זייער שלעכט — איבערגעזעצט אויף יידיש) און וועמען ער האָט אין זיין שפּעטערדיקן שאַפן נאָכגעמאַכט אויף שריט און טריט. דאָ איז נישט קיין אומגליק, וואָס דאָ און דאָרט געפינט זיך אַ פּערל, וואָס איז געפורעמט לויט היינען, ווי

דו האַרטע, דו צאַרטע, דו שטילע,

וואָס גייט לויטן נוסח.

Du Eine, Du Feine, Du Kleine

דאָס אומגליק איז, וואָס כמעט אַלע לידער פון זיינע צוויי לעצטע ביכער לייענען זיך ווי פּאַראַפראַזן פון היינעס „בוך דער לידער" און אָפטער אפילו ווי פּשוטע פּאַראָדיעס.

אָבער דער „היינעאיזם" אַליין וואָלט נישט געווען אַזאַ אומגליק, ווי דער דייטשמעריזם, וואָס האָט זיך אַריינגעפרעסן ווי אַ ראַק אין זיינע לידער. דאָס קען מען זען צום בעסטן אין יענע לידער, וואָס זענען פריי פון דייטשמעריזם; און פון זיי קען מען זען, אַז אימבער איז געווען, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע חסרונות, אַן אמתער פּאָעט:

צווישן בלומען האָב איך געליטן,
צווישן דערנער האָב איך געלאַכט;
צווישן זאַנגען האָב איך געטראַכט,
צו ווערן ווי זיי געשניטן.

צווישן לידער בין איך אַנטשלאָפן;
אָ גאָט, אָ גאָט, אָ גאָט —
צווישן כבוד בענק איך נאָך שפּאָט,
וואָס האָט דיינע בעסטע געטראָפן.

ווען מע לייענט אַזעלכע שיינע, שפּראַכיק־אויסגעמייסטערטע לידער, קען מען אימבערן גלייבן, אַז

...דאָס וואָרט איז אַ מערדער —
עס קומט צום האַרץ מיט אַ מעסער אין האַנט.

זיין וואָרט אָבער איז, צום באַדויערן, מערסטנס געקומען נישט מיט אַ מעסער אין האַנט, נאָר מיט פּאַפּירענע בלומען, צעקאַליעטשעטע און פאַרהויקערט און פאַרוואַנדלט זיין שאַפן אין אַ „שמאַכטענדע, גליענדע, זאַמדיקע וויסטע". און ס׳אַראַ לאַנגווייל טראָגט זיך פון דער דאָזיקער „שמאַכטענדער וויסטע"! אָבער אין דעם איז שוין נישט געווען שולדיק נישט היינע און נישט בלויז די דייטשמערישע פּסעוודאָ־שפּראַך, נאָר אימבערס אַרבעטס־מעטאָד, אויף וועלכן ס׳לוינט זיך אָפּצושטעלן באַזונדער.

דער לאַנגווייל פון אימבערס לידער קומט נישט נאָר דערפון, וואָס זיי זענען כמעט אַלע געשריבן אין אַן ענלעכן ריטעם און סטראָפנבוי און דרייען זיך אַרום דער זעלביקער טעמע: די ליבע — און דאָס נישט אַרום דער ליבע אין אירע פאַרשיידענע פאַזן, נאָר שטענדיק אַרום דער זעלביקער פאַרוויינטער ליבע, נאָר פאַר אַלעמען דערפון, וואָס אימבער האָט, נישט פאַרמאָגנדיק קיין גרעסערע אויסדרוק־פעאיקייט, באַנוצט זיך מיט די זעלביקע מעטאַפאָרן און איבערגעחזרט זיי צענדליגער מאָל מיט אַן עקשנות, וואָס איז ממש צו באַוואונדערן.

לאָמיר נעמען למשל אַזאַ מעטאַפאָר, ווי „טרער". אימבער איז געווען אַ פאַרוויינטער, אומגליקלעכער פּאָעט און ס׳וואָלט דערפאַר געווען פאַרשטענדלעך, ווען ער וואָלט אָפּערירט מיט „טרערן", בפרט, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז

ס׳זענען אַל די טרערן
דעם צויבערגאָרטנס טויענפאַל,
פון וועלכן ס׳לאָזט זיך הערן
מיין האַרץ, די זיסע נאַכטיגאַל —

אָבער וויפיל איז דער שיער צו באַנוצן זיך אייביק מיט דעם זעלביקן טרערן־מעטאַפאָר? ביי אימבערן האָט דאָס קיין שיער און קיין שאַך נישט געהאַט:

מיט אויגן טיף און טרערן־קלאָר
(וואַלד אוי וואַלד איין ז׳ 7)

פּערל יעדע טרער פאַר מיר
(דאָרט ז׳ 8)

און וויפיל כ׳זאָל קלערן צו האַלטן די טרערן
(ז׳ 11)

און קאָן מיך אָן דיר ניט דערמאָנען אָן טרערן
(ז׳ 15)

און אוי, וואו זענען טרערן, וואָס איך האָב ניט פאַרגאָסן?
(ז׳ 17)



נאָך אַזאַ טרערן־אַנטאָלאָגיע (צו וועלכער ס׳געהערט אויך דער געוויין־מעטאַפאָר, וועלכע איך היפּער דאָ איבער) קלעפּט זיך צו דעם טרוים־ (אָדער חלום־) מעטאַפאָר מיט אַ פאַרעקשנטער אָפּטקייט.

ווען עמעצער איז נישט קיין ספּעציעלער קעגנער פון לידער, געשריבענע אין פאָלקסטאָן, וועט ער מסתמא נישט לייקענען, אַז ס׳איז פאַראַנען אַן אמתער חן אין אַזאַ ליד, ווי:

דריי יאָר האָב איך געוואַרט
נאַכט־נעכטלעך פאַר איר טיר,
דריי יאָר האָט זי געלאַכט
און ניט געקוקט אויף מיר;
איין יאָר האָב איך פאַרבראַכט
אויף הונדערט מייל פון איר —
דאָס יאָר האָט אויפגעמאַכט
איר הערצעלע פאַר מיר.

אָבער ש. י. אימבער האָט זיך מיט דעם נישט באַגנוגנט. אַזוי ווי ער האָט איינמאָל באַנוצט אַ ציפער־מעטאַפאָר, האָט ער זי שוין נישט מער אָפּגעלאָזן:

איך האָב געטראַכט זעקס יאָר, צי אַכט
(ז׳ 7)

איצט וועלן גיין אַכט יאָר צי צען
(ז׳ 7)

אַכצן, צי צוואַנציק יאָרן נאָך...
(ז׳ 8)

און וואַרט און וואַרט נאָך אַ יאָר צוויי
(ז׳ 13)

ז׳האָט קיינמאָל ניט געהערט צום קרייז פון יענע מיידלעך,
וואָס גייען אויף דער גאַס צו צוויי, צו דריי, צו פיר
(ז׳ 41)

אין איין ליד חשבונט אימבער אַזוי:

ביי צוועלף און ביי צוואנציק יאָר
די זעלבע גלאַט פאַרקעמטע האָר

און צו דעם גיט ער צו:

פון צוועלף יאָר ביז צוואנציק יאָר
דער זעלבער גאָט־גלאַנץ אויף די האָר

און פירט אַרויס אַזאַ סך הכל:

פון צוועלף יאָר ביז צוואנציק יאָר
און פון דעם יאָר ביז הונדערט יאָר
מיין ליבע וואַרט און וואַרט.

און דאָס איז ערשט אַ קליין ברעקל פון די ציפער־פאַרגלייכן, מיט וועלכע אימבער האָט אָנגעפילט זיינע לידער!

דאָס זעלביקע איז אויך געשען מיט אַזעלכע מעטאַפאָרן ווי „קינד" (צו וועלכן ס'ווערט פאַרגליכן די געליבטע און וואָס גראַמט זיך רק מיט „זינד" אָדער, זעלטענער, „ווינט") און מיט אַזעלכע פאַרגלייכן, ווי „גליק", שוין אָפּגערעדט פון האַרץ (מיטן שטענדיקן גראַמפּאָרל שמאַרץ אָדער שוואַרץ), וואָס באַווייזט זיך פּופּציק מאָל אין אַ לידערבוך, וואָס האַלט אין־גאַנצן 44 לידער. נישט קיין אַנדער מזל האָבן געהאַט די אַדיעקטיוון און די אַדווערבן: דאָ הערשט אומעטום „זיס" מיט דיקטאַטאָרישער האַרטקייט: „דער טויט איז זיס אין דיינע הענט", „איך וואָש דיר ריין די זיסע הענט", „דו ביסט מיין ביטערע און זיסע אייביקייט", „מיין זיסטעס (!) פאַרלאַנגען ביסטו און נאָר דו", און אַזוי ווייטער אָן אָפּשטעל און אָן רחמנות...

אַז אַזאַ איבערחזרונג פון איינעם און דעם זעלביקן מעטאַפאָר האָט געמוזט דערפירן צו דעם, אַז די לידער זאָלן פאַרלירן יענעם קינסטלערישן כוח, וואָט קומט פון איבעראַשנדיקער איינמאָליקייט, אָן וועלכער דאָס קינסטלערישע שאַפן וואָלט נישט געהאַט קיין טיפערן זין.

דער אויפבלי פון דער יידישער ליריק אין אַמעריקע אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און די באַנייאונג פון דער יידישער פּאָעזיע אין אייראָפּע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָבן אַזוי איבערגעאַנדערשט די פּסיכיק פונעם לייענער, אַז אימבערס האַרץ־שמאַרץ־פּאָעזיע האָט נישט מער געקענט טאָלערירט ווערן.

ווי אַן אויסדרוק פון די אַנטי־אימבערישע שטימונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין דער יידישער געשיכטע נאָך דער (ערשטער) וועלט־מלחמה, דאַרף פאַרצייכנט ווערן ש. ניגערס שאַרפער, כמעט אָנרחמנותדיקער, אַטאַק אויפן פּאָעט פון „אַך און אָך" (1921). אין דעם זעלביקן יאָר האָט א. צ. גרינבערג, דער עקספּאָנענט פון דער יידישער עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע אין גאַליציע, געחוזקט אין זיין פּאָעמע „מעפיסטאָ" פון דער האַרץ־שמאַרץ־פּאָעזיע, האָבנדיק מסתמא אימבערן אין זינען:

ס'נודעט, ס'נודעט: לידער־וואַסער, סענטימענטן־לאַקריץ...  
גראַמען־שטראַמען: ליב און טריב, און האַרץ מיט שמאַרץ און כ'תייס וואָס!  
מיידל־קליידל, מלאך־גלח, זינד און בלינד און גאַס־הינט — — —

און בער שנאַפּער, אַ פאַרטרעטער פונעם סאַמען יינגסטן דור יידישע פּאָעטן אין גאַליציע, האָט געהאַט דעם דרייסט, אויף אַ גאַנץ ציניש אופן אָנצורופן אימבערןביים נאָמען:

און ווי זינגט דאָרט ערגעץ אימבער „דער יידישער היינע",  
וואָס אַחוץ מיר אפשר (?) לייענט אים היינט קיינער,  
סיידן אַ מיידל אַן אַלטס און אויך שוין דאָס ניט אַפילו —

(מעשה און ליד, 1934)

ש. י. אימבער האָט געמוזט איינזען, אַז די רעאַקציע איז געווען אַ באַרעכטיקטע און אין זיינע לעצטע לידער (וועגן וועלכע ס'וועט אונדז נאָך



אויסקומען צו רעדן) האָט ער זיך אין גאַנצן באַפרייט פון זיין פּרינצעסין־טויבנהאַרץ־פּאָעזיע.

פון זיינע דייטשמעריזמען האָט ער זיך גענומען ביסלעכווייז באַפרייען שוין פריער. אינעם בוך „וואַלד אויס וואַלד איין" טרעפן מיר זיי אין אַ סך אַ קלענערער מאָס, ווי אין „אסתרקע" אָדער אין די „רויזנבלעטער". שטאַרק באַגרענעצט איז אויך די דייטשמערישע פּסעוודאָ־שפּראַך אין זיין פּאָעמע „וויקטאָריאַ".

די דאָזיקע פּאָעמע איז — ווי דער שרייבער פון די שורות דערמאָנט זיך — אויפגענומען געוואָרן מיט אַ סימפּאַטיע פונעם לייענער, ווייל מיט איר האָט אימבער אַריינגעבראַכט אַ געוויסע אָנטשפּאַנונג אין זיין צעלידלט־קייט. דער מער צייטיקער לייענער אָבער איז נישט געווען באַזונדערס צופרידן מיט דעם ווערק, וואָס איז נישט געווען גאָרנישט מער, ווי אַן אויבנאויפיקע גראַם־פאַראַפראַזע פון האַמסונס אַ ראָמאַן. אימבער איז געגאַנגען טריט נאָך טריט נאָך האַמסונען און זיינע ווייכע, מוזיקאַלישע פּראָזע פאַרוואַנדלט אין אַ קלינגענדיקן אַכטפוסיקן טראָכיי. די פיינע פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן פונעם מחבר פון „הונגער" האָט ער אינגאַנצן געלאָזן אָן אַ זייט און אַרויסגענומען בלויז די פאַבולע, וואָס אָן דער פּסיכאָלאָגישער האַמסונישער פאַרטיפונג איז זי נישט באַזונדערס אינטערעסאַנט. איבעריקנס האָט די פּאָעמע נאָך אַמאָל באַשטעטיקט, אַז אימבער איז נישט קיין עפּיקער. ער האָט פאַרמאָגט צו ווייניק דערציילערישע פאַנטאַזיע, צו ווייניק חוש פאַר האַנדלונג, און אָן דעם איז נישט מעגלעך צו שאַפן אַ דערציילערישע פּאָעמע. וואו ער האָט געהאַט פאַר זיך שוין אַ פאַרטיקע פאַבולע (ווי אין „אסתרקע" אָדער „וויקטאָריאַ") האָט ער זיך נאָך געקענט יאָקאָש אַן עצה געבן; וואו ער האָט זיך אָבער געמוזט שטעלן אויף די אייגענע פיס — האָבן אים די כוחות אָפּגעלאָזן. זיין פּאָעמע „בנימין און טייבעלע", וואָס האָט געזאָלט זיין, ווי מע זעט דאָס פונעם העקסאַמעטער־ענלעכן פערז און איר טיטל, אַ מין יידישער „הערמאַן און דאָראָטעאַ", איז געבליבן אומפאַרענדיקט און מער ווי איין קאַפּיטל („גאָט פון אברהם") האָט אימבער נישט אָנגעשריבן. נאָך דעם דאָזיקן נישט אויס־געפירטן פּלאַן האָט זיך אימבער נישט מער געזאָלט אומקערן צו דער עפּישער פאָרעם.

פון אונטער דער גרויסער און שווערער מאַסע האַרץ־ און טרער־לידער, וואָס פילן אויס דעם באַנד „רויזנבלעטער" שטראַלט אַרויס אַ ליד, אין וועלכן אימבער האָט אויסגעזונגען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן די איינזאַמקייט און אָנטוואָרצלטקייט פון אַ יחידישן פּאָעט:

עס זענען נאָך ימען געבליבן,  
כ'זאָל צייכענען מיין וועג אויף זיי,  
עס זענען נאָך וויסטן געבליבן,  
כ'זאָל קילן אין זיי מיין וויי.  
עס זענען נאָך פעלדזן פאַרבליבן,  
כ'זאָל זינגען פאַר זיי מיין ליד —  
עס איז נאָך מיין גאַנצער ווינטער,  
מיין גרויסער ווינטער פאַרבליט.

ווען מע פאַרגלייכט דאָס ליד מיט דעם, פריער פון אונדז ציטירטן, ליד „צווישן רויזן האָב איך געליטן", געפינט מען אין זיי צוויי בשותּפותדיקע שטריכן:

1. ביידע לידער פאַלן אין גאַנצן אַרויס פונעם אימבער־שאַבלאָן. ביידע זענען אין גאַנצן פריי פון היינעם (צי פון אַן אַנדערנס) השפּעה און ביידע זענען, וואָס איז ביי אימבערן אַ זעלטענקייט, אין גאַנצן פריי פונעם ליבע־מאָטיוו.

2. דער צווייטער בשותּפותדיקער שטריך איז די ענלעכקייט פון קינסט־לערישן מעטאָד: ביידע באַנוצן דעם מעטאַפאָר אין דער פאָרעם פון אַן אַנטי־טעז. אינעם ערשטן ליד דערציילט אונדז דער פּאָעט, אַז צווישן ר ו י ז ן האָט ער ג ע ל י ט ן און צווישן ד ע ר נ ע ר האָט ער ג ע ל אַ כ ט און אין צווייטן, אַז ער וועט ק י ל ן זיין ווי אין אַ מ ד ב ר און ז י נ ג ע ן זיין ליד פאַר ד י פ ע ל ד ז ן.

דאָס באַנוצן זיך מיט אַן אַנטיטעז אין פּאָעזיע איז אַ שווערער, ווייל געפערלעכער ענין. דער אַנטיטעז איז געבויט אויף לאָגיק, אויף שכלדיקייט, פאַרטראַגט ער זיך נישט מיטן סאַמע עיקר פון אַ לירישן ליד, וואו דער עמאָציאָנעלער און איראַציאָנעלער עלעמענט שפּילט דאָ אַזאַ גרויסע ראָלע. נישט איין שיין ליד איז שוין אָפּגעטויט געוואָרן פון דעם אַנטיטעז־מעטאַפאָר. אָבער אימבערן איז גראָד אין ביידע פאַלן אויסגעצייכנט געראָטן צו באַנוצן זיך מיט אים (דעם אַנטיטעז) און גראָד מיט זיין הילף געשאַפן צוויי לידער, שיינע ביז גאָר.

אויבנאויפיק געקוקט, קען זיך אויסדאַכטן, אַז דאָס זענען צוויי צופעליקע לידער אין אימבערס שאַפן. אָבער אַזאַ אויספיר וואָלט געווען אומריכטיק. ווייל דער אמת איז, אַז אימבער האָט זיך אין זיינע לעצטע יאָרן באַנוצט (באַוואוסטזיניק צי נישט?) כמעט אויסשליסלעך מעט דעם דאָזיקן אַנטיטעז־מעטאָד און אַזוי אַרום געשאַפן די שענסטע לידער פון זיין לעבן, לידער, וואָס זענען אָרעם אין צאָל, אָבער רייך אין קינסטלערישער דערגרייכונג.

וויפיל שיינקייט איז דאָ, למשל, אין אַזאַ סטראָף, וואָס איז ווידער געבויט מיט אָט דעם אויבן דערמאָנטן אַנטיטעז־מעטאָד:

אינמיטן טאָג חלומות, אינמיטן נאַכט שפּאַצירן,
אַ לעבן אָן אַ חשבון, כאָטש אַלץ אינאיינעם שטימט —
איך בין נאָך אַלץ דערזעלבער: דורך פינצטער און דורך טירן
קומט ליבע אויף צו בלייבן, קומט רשעות און צעשווימט.

נישט געקוקט אויף זייער אַנטיטעטישקייט, וואָס חזרט זיך איבער פון ליד צו ליד, מאַכן די לידער אַ פיינעם און פרישן איינדרוק. ווארעם הגם דער מעטאָד איז דערזעלביקער, איז אָבער דער קאָנקרעטער אָנווענד, דער קאָנקרעטער מעטאַפאָר אין יעדן פאַל אַ נייער און אַנדערער און אַן אייגנאַר־טיקער.

ערשט אין די לידער פון זיינע לעצטע יאָרן האָט זיך אימבער באַפרייט פון פאַלשע פּאָעטיזירונגען (צו וועלכע מע דאַרף אויך צורעכענען די דייטש־



מערישקייט, מיט וועלכער אימבער האָט זיך באַנוצט צוליב „שאָנקייט") און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז

דאָס גראָז איז שענער פון אַלע בלומען

און ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע פּאַפּירענע רויזנבלעטער פון זיין גאָרטן. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט ער דערקענט, אַז

די טרער איז טיפער פון אַלע ימען

און מע דאַרף נישט אָנשרייבן הונדערטער טרערן־לידער, כדי צו דערגרייכן די טיפקייט פון איין טרער. איין פערז, איין שורה, אַן אייגענע, אַן אויס־געבלוטיקטע איז דאָ גענוג, און אָט די איינע שורה באַווירקט און באַצווינגט, ווען הונדערטער טרערן־לידער לאָזן איבער דעם לייענער גלייכגילטיק און קאַלט.

פון אָט דעם מין אַנטיטעזן־לידער האָט אימבער אָנגעשריבן אַ רעלאַטיוו גענוג גרויסע צאָל, אַז מיר זאָלן זען און איינזען, אַז דאָס זענען נישט קיין צופאַל־לידער, נאָר טאַקע עכט־אימבערישע, טאַקע זיינע אור־אייגענע לידער.

הפּנים, אַז ווען אימבער האָט זיך באַפרייט פון דער בפירוש שעדלעכער היינע־השפּעה, ווען ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם דאָזיקן עול און זיך פאַרהאָרכט אין זיין אייגענער נשמה, האָט ער אַרויסגעכישופט לידער אייגנאַרטיקע און שיינע ביז גאָר.

און וויפיל מילדקייט, וויפיל גוטסקייט שמייכלט אַרויס פון די דאָזיקע לידער! דאָס איז יענע מילדקייט, וואָס קומט פון דער עלטער, פון דער אָפּגע־קלערטער, האַרבסטיק־צייטיקער עלטער, וואָס גלעט אויס אַלע קנייטשן פון לעבן אין מילדן שיין פון זון־פאַרגיי און פאַרטראַכט זיך טיף איבערן לעבן, וואָס נייגט שוין צו יענעם טונקעלן און אייביקן סוד, וואָס גלייכט אויס אַלע סתירות און — אַלע אַנטיטעזן:

מיין חלום בליט אויף אַלע פּלויטן,
וואו ווילדע רויזן רויטלען זיך;
דער גרויער שטויב פון שווערע נויטן
ליגט גרינג אויף מיינע וואַנדער־שיך.

די שטילקייט מאַכט פאַר מיר אַ וואַרע.
מיט טויזנט לידער קלינגט מיין סוד —
מיין זון איז הינטער יעדער כמאַרע,
אויס יעדן דאָרן רעדט מיין גאָט.

און איבער אַלדעם האָט געגומען שוועבן אַ טיפע רעליגיעזיטעט, פון וועלכער אימבער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ווייט. אָבער מיט וועלכער ער האָט (אָ, אַנטיטעז!) געזאָלט אָפּשליסן זיין דיכטערישע טעטיקייט:

זאָגט מיר דער וואַלד שוין גאָרנישט?
זאָגט מיר דער וואַלד נישט מער,
וואָס ער פלעגט זינגען און זאָגן
מיין האַרצנס יונגען באַגער?

זאָגט מיר די ווייט שוין גאָרנישט,
דער כּישוף פון הימלס ראַנד —
לעז איך שוין נישט אין די שטערן
די שריפט פון גאָטס הייליקער האַנט ?

בין איך דען שוין אַזוי גאָענט,
גאָט, צו דיין לויטערער רו —
אַז כ׳זע שוין נישט מער דיינע וואונדער,
ווייל כ׳בין שוין אין זיי, ווי דו —

מיט אַזוינע לידער וועט אימבער בלייבן אין דער ליטעראַטור. די מערסטע לידער זיינע וועלן פאַרגעסן ווערן, די רויזנבלעטער וועלן פאַרוויאַנען; פון „אסתרקען" וועלן אפשר בלייבן עטלעכע קאַפּיטלעך און אפשר בלויז דער טיטל. אָבער — די טרער וועט אייביק זיין טיפער פון אַלע ימען און דאָס גראָז וועט אייביק זיין שענער פון אַלע בלומען. און זיי וועלן בלייבן. און מיט זיי די לידער, אימבערס לידער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן פון אָט דער טיפער דערקענטעניש. און אין זיי וועט ער זיך איינקריצן אין האַרץ און זכרון פון די קומענדיקע דורות.

## מלך כמעלניצקי

[1946—1885]

אינאיינעם מיט אימבערן טרעט אויף מלך כמעלניצקי, וואָס האָט — אין יאָר 1904 — אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זיינע אַרבעטן אויף יידיש (לידער און אַרטיקלען אין לעמבערגער „טאָגבלאַט"). די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין גאַליציע, וואו כמעלניצקי האָט דעמאָלט געוואוינט — אָנגעקומען איז ער אַהין אין יאָר 1898 — נאָך געווען, ווי מיר האָבן שוין דאָס אָנגעמערקט, אין די וויקעלעך. אמת, נישט אַ סך אַנדערש האָט עס אויסגעזען דעמאָלט אין רוסלאַנד און אַמעריקע. דער דור פון דוד איינהאָרן און מאַני לייב, דער דור, וואָס האָט געזאָלט אין גאַנצן איבעראַנערשן — און פאַריינגערן — דאָס פּנים פון דער יידישער וואָרטקונסט, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אויף גאָטס (ליטעראַרישער) וועלט; אָבער די דערמאָנטע צוויי צענטערן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור האָבן שוין געהאַט מיטגעמאַכט אַ ליטעראַרישן רענעסאַנס און ס׳האָט זיך דאָרט מיט דער צייט געשאַפן אפילו אַ שטיקל ליטעראַרישע טראַדיציע: אַ פּראָלעטאַרישע, האַרב־רעאַליסטישע אין אַמעריקע און אַן עטנאָגראַפיש־רעאַליסטישע אין רוסלאַנד און פּוילן... אַנדערש אָבער איז דאָס געווען אין גאַליציע: דאָרט האָט מען נאָך געלעבט מיט די לעצטע בראָקן פון וועלוול זבאַראַזשער און בערל בראָדער. דער אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און אַמעריקע (שלום עליכם —



מאָריס ראָזענפעלד) האָט דאָ נישט געשלאָגן קיין טיפערע וואָרצלען. אין דער צייט, ווען די יידישע קיבוצים אין רוסלאַנד און אַמעריקע זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט קינסטלערישער ענערגיע, האָט גאַליציע געקענט אָנווייזן אויף בלויז איין דיכטער: בירך שאפיר, וואָס האָט נאָך טיף, ביז איבער די אויערן, געשטעקט אין דער בדחנישער געפילס־און באַגריפס־וועלט און זיך שווער געראַנגלט פאַר אַ נייער דיכטערישער פאָרעם.

דאָס וואָס גאַליציע האָט אין די ניינציקער יאָרן נישט פאַרמאָגט אפילו קיין איין איינציקן פּאָעט, וואָס וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן כאָטשבי מיט אַזאַ פּאָעט ווי באָווש אָווער, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. ערגער איז געווען, וואָס אפילו שלום עליכם און פּרץ זענען געווען ווייניק באַקאַנט און מען האָט פון זיי געוואוסט נאָר אַדאַנק די איבערדרוקן אינעם „פאָלקס־קאַלאַנדאַר" און פון זייערע פאַרעפנטלעכונגען אינעם קראָקאָווער „דער יוד" (1902—1899); זייערע ווערק אין בוכפאָרעם זענען נאָך אין דער צייט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ געווען אין גאַליציע אַ ראַריטעט. אין אַן אויסטערלישער מיספּאַרהעלטעניש איז דעמאָלט געשטאַנען די יידיש־גאַליצישע ליטעראַור צו דער גאַליציש־פּוילישער. נאָך דעם, ווי סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי האָט אַריבערגעטראָגן דעם אָרגאַן פון דער יונג־פּוילישער ליטעראַטור „זשיציע" פון וואַרשע קיין קראָקע, האָט גאַליציע אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אינעם פּוילישן קולטור־לעבן. ווען מיר האָבן נאָך געהאַלטן ביי זבאַראַזשערס אַלט־פּרענקישע עפּיגאָנען, האָט דאָס פּוילישע גאַליציע שוין געקענט אָנווייזן אויף אַזעלכע דיכטער ווי קאַזימיעזש טעטמאַיער, סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי און לעאָפּאָלד סטאַף...

איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס אפילו דער יידיש־נאַציאָנאַל־געשטימטער טייל פון דער גאַליצישער יוגנט האָט זיך גענומען שאַרן אַרום דער פּוילישער שפּראַך און ליטעראַטור און זיך באַגייסטערט פאַר פּשיבישעווסקיס ניי־ראָמאַנטישן „מאָדערניזם", וואָס איז געקומען קיין פּוילן „דירעקט פון מערב". די קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך צווישן דער גאַליציש־יידישער יוגנט האָט זיך שטאַרק געהויבן. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן נאָך די פּאָליאַקן און די יידישע אַסימילאַנטן געקענט פּראָטעסטירן קעגן דעם צרהדיקן פּויליש, אין וועלכן בירך שאפיר האָט געשריבן אַ טייל פון זיינע לידער, די שפּראַך אָבער פון די צוויי יידן־פּאָעטן יאַן ניעמיראַ און אכמע, וואָס האָבן כמעט איינצייטיק (אין יאָר 1902) דעביוטירט אין דער פּוילישער ליטעראַטור, איז שוין געווען אַ פיינע ביז גאָר. יאַן ניעמיראַ איז אין אַ צייט אַרום באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור אונטער זיין אמן נאָמען ש. י. אימבער און אכמע — איז מלך כמעלניצקי, צו וועלכן מיר ווענדן זיך אין דעם קאַפּיטל.

אין דער פּוילישער ליטעראַטור האָט זיך כמעלניצקי נישט איינגעבירגערט (אַ נקמה אויף אים!). דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געשריבן אויף פּויליש זענען זיינע אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון דער יידישער ליריק, דער עיקר זיינע איבערדיכטונגען פון אברהם רייזען, דוד איינהאָרן און ח.